NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13386

PESEL DER BESER-KENER

Isaac Ianasovich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

3/43802 MICROFORM

יצחק יאנאסאוויטש

פעסל דער בעסער-קענער

א מעשהלע

פאר אונזערע קינדער

ביבליאטעק „א״
פאריז 1952

אילוסטראַציעס: באַרעק האַלטער

מלכהלען פון פעטער

אין אַ שטאָט, ווו מינט איז הייס
און די מיקך איז שוואַרץ ווי סטאָלץ,
דאָרט ווו שניי איז רויט און הייס
און אַ קו הייסט: קוליבאָלץ.

אין דער גרויסער, שיינער שטאָט,
אויף דער גאַס פֿון מינדל-פּעטער,
אין אַ הויז פֿון שטריק, און דאָרט
ווינט אַ מיידל הייסט זי: פּעטער

פּעטער קערה. ציפּע צאָפּ.
שוואַרצע גענדז און קראָען ווייסע..
הערט-ווסע קינדערליך מיט קאָפּ.
ביידע דערציילן איך אַ מעשה.

די מעשה וואָס איך וועל אײַך, קינדער-
לעך, דערציילן איז מאַקע וועגן דעם מיידל
פּעסל. זי איז זייער אַ געראָטן מיידעלע און
אַ סך, אַ סך זאַכן קען זי. זי קען טאַנצן,
זינגען און איבער די טרעפּלעך שפּרינגען.
זי קען רייטן, קערן און ווינקען, אַז מען
זאָל פֿון דער ווייטנס הערן. זי קען רעדן,
ווען מען דאַרף שווייַגן און לייענען, ווען
מען דאַרף זיך לייגן. און קיינמאָל, קיינמאָל
וועט זי נישט פֿאַרגעסן זיך צו שפּילן,
דווקא דעמאָלט, ווען מען דאַרף עסן.

הכלל פּעסל איז זייער אַ ווויל מיידעלע.

נאָר איין חסרון האָט פּעסל: וואָס עפּי-
צער טוט, זאָגט זי, אַז זי קען בעסער. מיט
עמיצער שטריקן — זאָגט זי, אַז זי קען
בעסער. מיט עמיצער פֿעדערן פֿליקן — קען
זי בעסער. מיט עמיצער שרייבן — קען זי
בעסער. אַרבעס קלייבן — קען זי אויך בע-
סער.

און מאַקע צוליב דעם האָבן אַלע אין
הויז, ביי ווייבער, ביי מענער, זי גערופֿן:
פּעסל, דער בעסער-קענער.

און אַזוי ווי פּעסל האָט געקענט פֿון
אַלעמען בעסער, האָט זי נישט גע-
וואָלט ביי קיינעם זיך לערנען. ס'מעג
זיין עלטער, ס'מעג זיין גרעסער — פּעסל
קען בעסער.

וויל-דער מאַמע זי לערנען לייענען אַ



ביבל, שרייט זי: — איך קען בעסער. ווייל
די מאמע זי לערנען באקן א קוכל, וויינט
זי — איך קען בעסער. ווייל דער פאטער
זי לערנען ציילן — איך קען בעסער. ווייל
די מומע א מעשה דערציילן — איך קען
בעסער.

איז פעסל געוואקסן גרייס און גרעסער
און זיך גארנישט געלערנט, ווייל ווער וועט
זי לערנען, אז זי קען פון אלע בעסער?

איינמאל טרעפט זיך: פעסל גייט ארויס
אין גאס. די שטאט איז גרויס. פארבלאנ-
דזשעט זי. בלאנדזשעט זי ארום און ארום
און קען נישט געפינען דעם וועג אהיים.
ווי זי בלאנדזשעט אזוי ארום, קומט צו איר

צו אן אלטן באבע און זאגט צו איר אזוי:

מיידעלע, מיידעלע, ביסט נאך גאר קליין,
קום וועל איך דיר ווייזן ווי אהיים צו גיין.

זאגט פעסל:

איך ווייס בעסער
און גיי ווייטער.

גייט זי, גייט זי ביז וואנען עס ענדיקט זיך שוין די שטאט און עס הייבט זיך אן א גרויסער, געדיכטער וואלד.

ביים ברעג פון וואלד שטייט אן אלטער זיידע מיט א גרויער באָרד. זאגט ער צו איר אזוי:

מיידעלע, מיידעלע, ביסט הונגעריק מסתמא.
קום וועל איך דיר ווייזן ווי עס וואקסן שוואמען.

זאגט פעסל:

איך ווייס בעסער
און גיי ווייטער.

גייט זי א שעה און צוויי. דער וואלד איז טיף און געדיכט. זי ווערט שוין מיד, הונגעריק און דורשטיק.

קומט צופליען א קליין פייגעלע מיט פארביקע פעדערן איבן העלדזל און זאגט

צו איר אויך:

מיידעלע, מיידעלע אי ביטע א בראָכע,
קום וועל איך דיר ווייזן א טייכעלע מיט
וואסער.

איז עס דאָך אָבער פֿעסל דער בעסער-
קענער, זאָגט זי:

איך ווייס בעסער
און נייט ווייטער.

זי גייט אזוי לאַנג, ביז עס ווערט נאַכט.
די אייגעלעך קלעפּן זיך איר און מווייט
זיך דייגן איבער געלענער, נאָר ווי געפֿינט
מען א בעטעלע אין געדיכטן וואלד?

פּלוצים קומט איר אנטקעגן א הירש
מיט גרייטע שיינע הערנער איבער קאָפּ
און ער זאָגט צו איר אויך:

מיידעלע, מיידעלע, גיט וואָס בהאָט
געטראָפֿן.
קום וועל איך דיר ווייזן א בעטעלע צו
שלאָפֿן.

וואָס מיינט איר זאָגט דערויף פֿעסל,
זי איז דאָך עפּעס פֿעסל דער בעסער-קע-
נער, אמת, זאָגט זי:

איך ווייס בעסער
און נייט ווייטער.

דערווייל איז שוין נאכט.

פעטלען באפאלט א מורא, זעצט זי זיך אייליק הינטער א בוים און ציטערט.

גייט פארביי א וואלף. זעט ער א מיי-דעלע זיצט הינטער א בוים און ציטערט. רופט ער זיך אפ :

מיט מיינע נעגל קען איך אלין צו-
רייסן.
מיט מיינע ציין קען איך אלין צעבייסן.

פעטל הערט דאס און כאטש זי האט שטארק מורא, קאן זי זיך אבער ניט איינהאלטן און שרייט אויס :

איך קען בעסער !

ווערט דער וואָלף שטאַרק און בעט אַז
ייך זי אײַנשלינגען.

הייבט שפּעטל אָן וויינען און בעטן דעם
וואָלף, ער זאָל זי ניט אײַנשלינגען, ווייל
זי איז נאָך קליין און די טאַטע מאַמע
וועלן וויינען. האָט דער וואָלף אויך
רחמנות און ער גייט אַוועק.

דער וואָלף גייט אַוועק, קומט אָן א
דייב. זעט ער א מיידעלע זיצט הינטער
א בוים און ציטערט, רופט ער זיך אָפּ :

איך בין עק האָב איך א קנאָפּ.
קאָן איך א בעסערן שפּאַלטן דעם קאָפּ

און באָבעס פּעקל וויכטס שוין, וואָס דער וואָלף האָט איר געוואָלט מאַן דערפֿאַר. איז עס דאָך אָבער פּעקל דער בעסער־קענער, קען זי זיך ניט איינהאַלטן און שרייט אויס:

— איך קען בעסער!

דערהערט אַזעלכע רייד איז דער לייב ווילד געוואָרן און האָט שוין געוואָלט פּעקלען אויפֿעסן. פּעקל האָט ווידער גע־וויינט, געבעטן, אַז זי איז נאָך קליין און טאַטע־מאַמע וועלן וויינען. האָט דער לייב איר רחמנות געהאַט און איז אַוועק.

אָבער דאָ איז אָנגעקומען אַ שלאַנג און דערזעענדיק אַ קליין מיידעלע זיצט הינ־טער אַ בוים און ציטערט, זאָגט די שלאַנג אַזוי:

— אַ פּיפּ, גיי איך

און איפּן ד״ שפּײ איך.

פּעקל האָט שטאַרק געציטערט און זיך געהיט, אַז זי זאָל חלילה זיך ניט אַרויס־באַפֿן בײַם רעדן „איך קען בעסער“, נאָר ווײַל זי איז שטענדיק געוויינט געווען אַ זי צו זאָגן, האָט זיך איר דאָס וואָרט אַליין אַרויסגעריסן פֿון מויל.

אַז די שלאַנג האָט דאָס דערהערט האָט זי גענומען שיפּען און קריכן צו פּעקלען.

כדי זי אײנצושלינגען מיט איר גיפט. דאָס
דערפֿון שטאַרבט מען. פעטער האָט גע-
װײנט׳ געבעטן. נאָר בײ א שלאַנג העלפט
נישט קײן בעטן און קײן װײנען און זי
װאָלט פעטערן זיכער אײנגעשלונגען. נאָך
א גליק װאָס פעטער איז אנטלאָפן.

װײט לױפן האָט זי אָבער נישט גע-
קענט. װײל אין װאַלד איז געװען פינצ-
טער און אלץ רונד איז זי געפאַלן און זיך
געקלאַפט אין די בײמער. פלוצלינג אָבער
זעט זי פֿון דער װײטנס א פײערל און זי
איז אהין אװעק. —

זי איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז זי איז
צוגעקומען צו א קלײן הײזעלע אין מיטן

וואַלד. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצ־טער און אַזוי געזאָגט:

מענטשן ליבע אינעם וואַלד,
כ'בין דערפֿרוירן, ס'איז מיר קאַלט.
לאָזט אַריין מיך, לאָזט אַריין,
כ'וועל שוין בעסער, בעסער זיין.

ווי זי האָט דאָס געזאָגט, עפֿנט זיך די טיר און ביי דער טיר שטייט די באָבע, וועלכע זי האָט פֿריער געטראָפֿן אין גאַס.

— קום אַריין מיידעלע — זאָגט צו איר די באָבע — קום אַריין, וועל איך דיר עפּעס הייזן.

פּעסל גייט אַריין אין ערשטן שטיבל. די באָבע זעצט זיך אויעק הינטערן וועב־שטול און פֿאַרנעמט זיך ווידער מיט איר אַרבעט. פּעסל זעט: די באָבע וועבט פֿון פֿאַרביקע פֿעדעם אַ טעפּיך און דער טע־פּיך איז צונויפֿגעשטעלט פֿון מיזנטס קאָלירן און פֿון מיזנטס בלומען.

דו וואָלסט אויך געקענט? — פֿרעגט די באָבע.

און איידער פּעסל האָט נאָך צייט צו ענטפֿערן „איך קען בעסער", זעצט זי די באָבע אויעק הינטער דעם וועב־שטול און הייסט זי וועבן. פּעסל פּרוווט איינ־

מאָל און נאָכאַמאָל און צעריסט אַלע פּעדעם.

— איך קען נישט — צעוויינט זי זיך — אַלע זאַכן קען איך, נאָר וועבן קען איך נישט.

די באָבע האָט זי אַריינגעפירט אין דער צווייטער שטוב. דאָרט איז געזעסן דער זיידע, וועלכן זי׳האָט פריער געטראָפן ביים ברעג וואַלד. דער זיידע ז׳צט און מאָלט אַ בילד און אויפן בילד זעט מען די גאַנצע שטאָט, מיט אַלע הייזער, גאַסן און מענטשן.

— דו וואָלסטסט אייך געקענט — פרעגט דער זיידע און ער נעמט איר דעם פּענדזל צו מאָלן. פּעסל האָט אַ שטיק געמאָלט מיטן פּענדזל איינמאָל און נאָכאַמאָל, נאָר ס׳איז דערפון קיין בילד נישט אַרויסגעקומען. האָט זי זיך צעוויינט:

— אַלע זאַכן קען איך, נאָר מאָלן און וועבן קען איך נישט.

אין דער דריטער שטוב האָט דאָס פּייגעלע, וואָס האָט איר געוואָלט ווייזן אַ וואַסערל צו טרינקען, געזונגען אויף אַ גאָלדן טישעלע אַזעלכע שיינע לידער, אַז פּעסלען האָט אָנגעכאַפּט אַ גרויסער חשק זיי נאָכצוזינגען. נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך קיינמאָל ביי קיינעם נישט געוואָלט לערנען, האָט זי קיין שום לידעלע נישט

געקאָנט אויסזינגען, ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

זינגען אַלע מיט איר אַוועק אין דער פֿערטער שטוב.

דאָרט האָט דער הירש, וועלכער האָט איר געוואָלט ווײַזן אַ בעמעלע צו שלאָפֿן, געטאַנצט אַלערליי טענץ אַזוי שיין און אַזוי קונציק, אַז פֿעסל האָט שוין אַפֿילו נישט געוואָלט פֿרווון נאָכצוטאַנצן. זי האָט זיך נאָר פֿאַרשעמט און שטילער-הייט געזאָגט:

— אַזוי טאַנצן וואָלט איך נישט געקאָנט.

— זעסטו שוין — האָט די באָבע געזאָגט — און דיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו קענסט אַלץ בעסער. איצט אָבער זעסטו, אַז איך קען בעסער וועבן פֿון דיר, דער זיידע קען שענער מאָלן פֿון דיר, דאָס פֿייגעלע — שענער זינגען און דער הירש — בעסער טאַנצן. אויב דו ווילסט דאָס אַלץ קענען, דאַרפֿסטו אויפֿהערן זײַן אַ בעסער-קענער און זיך לאָזן לערנען.

— גוט — האָט פֿעסל אַ פֿאַרשעמטע געזאָגט — פֿון הײַנט אָן וועל איך שוין נישט זאָגן, אַז איך קען בעסער און וועל זיך טאַקע נעמען צום לערנען.

— אויב אַזוי — זאָגט צו איר די באָבע — וועל איך דיר אַהיים פֿירן צו טאַטע-מאַמע, ווײַל זיי זוכן דיך שוין אַרום.

און זיי זיינען געגאַנגען

וואַלד אויס, וואַלד איין,

וואַלד איין, וואַלד אויס

ביז די מעשה לאָזט זיך אויס.



J. JANASOWICZ

« **PESSEL DER BESSERKENER** »
(Pessel qui sait mieux...)
Une petite histoire.

Bibliothèque
« FAR OUNZERE KINDER »
Paris — 1952.

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie S.N.I.E., 32, rue de Ménilmontant, Paris (20e)